ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתפ"ה
פרשת אחרי-קדושים
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' תמ) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' עקיבא יוסף כהנא שליט"א** ר"מ בישיבה"ק ב.פ.

## די הייליגע שטאט קרית יואל...

איך האב געהערט פון מו"ח כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א בית יצחק אז בשנת תשכ"ג ווען עס איז געווען א ערענסטע מדובר איבער א שטעטל וואס דער רבי האט געוואלט אויפבויען אין דאוווער ניו דזשערסי.

אין יענע תקופה פלעגט דער זיידע **כ"ק אאמו"ר הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא זלה"ה** זיין טאג טעגליךביים רבי'ן אין ביהמ"ד, בשעת ווען דער רבי פלעגט אריינקומען צום דאווענען, און ער האט זיך אסאך מסתופף געווען בצל קדשו.

אין יענע תקופה האט אים דער רבי געזאגט **"איך לאדן אייך צו קומען וואוינען ביי אונז אין שטעטל, פארשטייט זיך אז אלע קהל'ישע ענינים וועט ווערן געפירט דורך 'קהל', אבער איר וועט זיך קענען האבן אייער אייגן מנין, און דאווענען און זיך פירן לויט ווי איר האט מקובל פון אייערע אבות".**

ז' תמא) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יצחק עהרנפעלד הי"ו**

## דער רבי זוכט דעם 'שפע טל'

עס איז געווען אמאל ווען דער הויז-בחור איז געווען זייער פארנומען, און היות איז בין געווען בקי ורגיל בבית **רביה"ק** ז"ל האט ער מיך געבעטן אז איך זאל איבערנעמען זיין ארבעט, און ווען דער רבי איז געגאנגען דאווענען האב איך אוועק געפאקט אלע ספרים וואס זענען געלעגן אויפן טיש צוריק אין ספרים שאנק. די ספרים האבן געהאט אנגעצייכנט סימנים וואו יעדע ספר באלאנגט.

דער רבי קומט אהיים פון דאווענען, ער גייט אריין אין צימער, און ער איז געווארן שטארק אנגעצויגן... מ'זאל אריבער רופן דעם בחור וואס האט דא געפאקט די ספרים...

מ'האט געוואוסט אז דער הויז-בחור איז היינט נישטא געווען, און דא איז דער רבי אומרוהיג צוליב א בחור וואס האט ווארשיינליך געפאקט די ספרים נישט ווי געווענליך.

האט מען געזאגט פארן רבי'ן אז מ'וועט צוריק רופן דעם בחור פון די ישיבה, אבער בתנאי אז דער רבי זאל נישט זיין אין צימער בשעת מעשה, ווייל דער בחור האט מורא פונעם רבי'נס הקפדה.

איך האב גלייך פארשטאנען אז דאס איז וואס דער רבי זוכט. איך בין צוריק געקומען פון ישיבה, און איך בין געגאנגען אין די סוכה - דארט פלעגט מען לייגן די ספרים וואס דער רבי האט געהאט טאפעלט, עס איז שוין געווען איינס אין ספרים שאנק - איך האב גענומען פון דארט דעם ספר 'שפע טל', א קבלה ספר, און איך האב דאס אראפגעלייגט אויפן רבי'נס טיש.

שפעטער ווען דער רבי איז אריינגעקומען אין צימער, ווען ער האט געזעהן דעם ספר אויפן טיש, האט ער זיך צושמייכלט.

מיט עטליכע שעה שפעטער, כחצות הלילה, האט איך אריינגעברענגט פארן רבי'ן דאס נאכטמאל - דער הויז-בחור איז נאכנישט געווען צוריק - האט מיך דער רבי שטארק אנגעקוקט, פארשטייענדיג אז איך בין דער בחור וואס האט אויך געפאקט די ספרים, און דער רבי ווייזט מיך מיט א ליבליכע שמייכל אז ער האט געהאט אריינגעלייגט אין דעם ספר א קוויטל, וואס דאס איז געווען א סימן וואו ער האלט ביים לערנען טעגליך בשעת זיינע סעודות. און דאס איז געווען די סיבה וואס עס האט אים אזוי געשטערט ווען דער ספר איז אים פלוצלונג נעלם געווארן מיטן סימן צו קענען לערנען ווייטער.

שפעטער בין איך געוואויר געווארן אז דער **'שפע טל'** איז געווען פון די ספרי קבלה (ספר על עניני קבלה בדרכו של הקדוש הרמ"ק, נתחבר ע"י הרה"ק ר' **שעפטיל הורוויץ מפראג** בן דורו וקרובו של השל"ה הקדוש ונדפס בהסכמתו לראשונה בשנת שע"ב) אין וואס דער רבי לערנט בשעת זיינע סעודות ווען קיינער ווייסט נישט און האט נישט קיין השגה איבערן רבי'נס ידיעה אין די הייליגע חכמה.

ז' תמב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** מטב"ק

## בצלו ישבתי ופריו מתוק לחכי (ב')

(המשך דער סדר פון 'סוגיא' פארלערנען ביי כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה) דעם רבי'נס שרייבער פון די סוגיות איז געווען **הגה"צ רבי הערשל מייזליש** ז"ל דער איידעם פון **הגה"ק רבי שמעון ישראל פאזען זלה"ה אבד"ק שאפראן** - וועלכער האט שפעטער ממלא געווען מקום חותנו אלס 'שאפראנער רב' - ער איז שוין געווען דעמאלט א יונגערמאן און איז געקומען צום סוגיא פארלערנען און האט אפגעשריבן דעם רבי'נס חידושים, און שפעטער געדרוקט אין די צוויי בענדער "חידושי סוגיות". אין יענע תקופה האב איך נאך יעדן פארלערנען איבער געשמועסט מיט אים דעם רבי'נס חידושים.

רבי הערשל האט מיר שפעטער דערציילט, אז איינמאל האט ער געזאגט פארן רבי'ן, אז היות ער האט שוין קליינע קינדער, און ס'איז דא צייטן ווען ס'איז אים שווער צו קומען ווייל ער דארף זיין ביינאכט אין שטוב, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן רשות צי ער קען איבער געבן פאר איינעם דאס שרייבן די סוגיות (עס איז נאכנישט געווען דעמאלט אויסגעשטעלט צו קענען אויפכאפן די שיעורים אויף א 'טעיפ רעקארדער' וכדומה), האט אים דער רבי געפרעגט צי ער האט איינעם פון די וואס קומען צום שיעור וועלכע קענען שרייבן, האט ער געזאגט "ס'איז דא לעצטענס א יונג בחור'ל וואס האלט מיט די שיעורים, יושע מענדלאוויטש", ער האלט גוט מיט די סוגיות, אפשר קען ער אויך שרייבן".

דער רבי האט געטראכט אביסל, דערנאך האט ער געענטפערט "איך זעה ווען ער פרעגט אריין, אז ער רעדט זייער בקיצור, ער איז זייער שטארק איינגעהאלטן, איז מן הסתם זיין שרייבן אויך בקיצור", און דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט בלשון קדשו **"אויף א לשון פון א 'ראשון' דארף מען זיך פלאגן, איך בין דאך נישט קיין ראשון, וויל איך נישט אז מ'זאל זיך פלאגן אויף מיין לשון"...**

ממילא האט אים דער רבי געבעטן ער זאל יא ממשיך זיין מיט שרייבן די סוגיות, דער רבי האט אים אפילו געזאגט "אויב ווייסטו פאראויס איין טאג אז דו קענסט נישט קומען וועל איך טוישן און פארלערנען אן אנדערן טאג אנשטאט"... (המשך הזכרונות בגליון הבעל"ט) (נא להעתיר ולהתפלל בעד בריאותו השלימה של הרב החסיד רבי יהושע בן מליא צירל לרפואה שלימה וגמורה)

ז' תמג) תלמידים דערציילן איבער אונזער זיידע
**הגה"צ ר' שמואל דוד טויב ז"ל הכ"מ** אב"ד ברייד

## והעמידו תלמידים הרבה

מיר זענען מעתיק נאך זכרונות פון תלמידים במשך פארשידענע יארן:

א. אלס יונגע בחורים ווען מיר פלעגן אריבערגיין שבת אינדערפרי אויף פענן סט. פלעגן מיר אלץ זעהן בחורים קומען ארויס פון אשוי"ער ביהמ"ד. עס איז געווען א וואונדער וואס איז דא דער פארקער פון בחורים יעדן שבת צופרי.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז רבי שמואל דוד פלעגט 'אנרייצן' זיינע תלמידים - ובפרט די בחורים וואס מוטשענען זיך אין לערנען - אז זיי זאלן קומען שבת אינדערפרי פארן דאווענען, דעמאלס פלעגט ער פארלענען פאר זיי דעם נייעם שיעור, כדי אז מען וועט פארלערנען דעם שיעור אין ישיבה זאלן זיי שוין זיין דערינען.

ב. אין קעמפ האבן מיר תלמידים צוביסלעך אויפגעפאסט אז דער מגי"ש זיצט א גאנצן טאג אין ביהמ"ד און ער איז גארנישט טועם, ער האט גענומען א קאווע אינדערפרי אין דאס איז עס געווען. ער האט נישט געקענט גיין ביז צום עס זאל צוליב זיינע יסורים אויף די פיס, און קיינער האט אים נישט געברעגט צו עסן אין ביהמ"ד, ווייל ער האט קיינמאל גארנישט געבעטן, איז ער אפגעזעסן א גאנצן טאג אין ביהמ"ד נישט נעמענדיג גארנישט אין מויל ביז פארנאכטס. טעמה כי טוב סחרה.

ג. ער פלעגט קיינמאל נישט פעלן פון די ישיבה, אפילו נאך א חתונה פון א טאכטער איז ער געווען פארטאגס אין ישיבה כאילו לא היה.

איך געדענק שנת תשנ"ה ווען מען האט געמאכט פיאות פאר זיין עלטסטע אייניקל ביי חתנו הרה"ח ר' יודל פרענקל הי"ו - און עס איז געווען ביי אים א געוואלדיגע שמחה - דאך איז דאס נישט געווען א סיבה אז ער זאל מוותר זיין אויפן פארלערנען און באגלייטן זיינע תלמידים - ער געקומען כרגיל אין ישיבה, און ביי הפסקה זענען די בני משפחה אריבער געקומען מיטן קינד, אז דער זיידע זאל אים זעהן און אנוואונטשן לכבוד היום.

ד. עס דערציילט **הרה"ג ר' אברהם גאלדבערגער שליט"א** אז עס איז געווען זומער תשמ"ה, ווען עס איז געווען א שווערער תוספות אין פרק איזהו נשך, און די מגידי שיעור האבן זיך זייער געמוטשעט צו פארשטיין דעם תוספות. דעם קומענדיגן אינדערפרי איז רבי שמואל דוד אנגעקומען און געזאגט א הערליכן פשט אינעם תוספות, וואס די מגי"ש האבן זייער באוואונדערט. האט ער געזאגט אז ער האט גע'חלומ'ט דעם פשט בחלום הלילה...

"איך געדענק ווי מיין מגי"ש **הרה"ג ר' אשר אנשיל אשכנזי שליט"א** אב"ד חוות דעת סיגעיט, האט געפייערט ביים פארלערנען דעם תוספות, און ער האט אונז געזאגט "אז עטס וועטס ליגן אין לערנען אזוי ווי רבי שמואל דוד, וועט עטס אויך חלומ'ען פשטים אין תוספות"... (לע"נ הגה"צ רבי שמואל דוד ב"ר עמרם זצ"ל, נפטר י"ב אדר תשפ"ה לפ"ק)

ז' תמד) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א**

### וועסטו דאווענען שחרית אויך שבת צופרי

עס האט מיר דערציילט א תלמיד פון **כ"ק הגה"צ רבי לוי יצחק גרינוואלד ז"ל דער צעהלימ'ער רב** (היארצייט כ"ז ניסן) וואס האט געהערט פונעם צעהלימ'ער רב, אז אלס אינגערמאן איז ער געווען ביים פריערדיגער **בעלזער רב הגה"ק רבי ישכר דוב זלה"ה**.

דער צעהלימער רב איז געווען א הערליכער בעל תפילה - רביה"ק זלה"ה פלעגט אים מכבד זיין מיט די שבע ברכות ביי שלש סעודות, ער פלעגט דאס זינגען בנעימה יתירה - און דער בעלזער רב האט אים צוגעשיקט צום עמוד צו קבלת שבת. דער בעלזער רב פלעגט זייער מקפיד זיין קעגן די בעלי תפילה וואס פלעגן דאווענען מיט מאדערנע תנועות און שטיקלעך פארן עמוד.

נאכן דאווענען פרעגט אים דער בעלזער רב "וואו האסטו זיך געלערנט דעם נוסח התפילה ?", האט ער געזאגט "כ'האב זיך אין ערגעץ נישט געלערנט, כ'האב אפשר געהערט א תנועה פון בעלי תפילות דא און דארט...".

זאגט דער בעלזער רב מיט הנאה "אזוי, וועסטו אויך דאווענען שחרית שבת צופרי"...

ז' תמה) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח בנש"ק ר' פינחס שפירא הי"ו**

### ובית הלו"י נעימות יזמרו

איך בין ממשיך מיט ענינים פון מו"ר הגה"ק בעל **שבט הלוי** זלה"ה.

ד. א איד פון בארא פארק האט געהאט א קינד למז"ט, נאך א קורצע צייט האט מען געזעהן אז עס שפירט זיך א שווערע ריח פון דאס קינד כסדר - א ריח וואס ענדלט צו א מת ל"ע - מ'איז ארומגעלאפן צו דאקטורים, אין אמעריקע און אין אויסלאנד, מ'האט געגעבן מעדיצינען און זייפן, מ'איז געלאפן צו רבי"ס און מקובלים, אבער גארנישט האט נישט געהאלפן.

די עלטערן זענען אנגעקומען צו **מו"ר השבט הלוי ז"ל**, און זיי דערציילן די מעשה. פרעגט דער רב נאך וועמען הייסט דאס קינד ? זאגט דער איד "נאך מיין זיידן", פרעגט דער רב "אויב איז דאס דיין עלטסטע קינד, פארוואס הייסט עס נישט נאך די מאמעס זייט ווי עס איז דער סדר העולם ? !". האט דער איד דערציילט אז ער איז צוקריגט מיט זיין שווער, און ער וויל נישט געבן א נאמען נאך זיין זייט.

זאגט דער רב ז"ל "די זיידעס בעולם העליון קריגן זיך איבערן נאמען וואס דו האסט געגעבן, אויב איז דא א מחלוקת אין שטוב שמעקט נישט גוט".

און ער האט ממשיך געווען "איך הייס אז מ'זאל צוגעבן א נאמען דא ביי מיר אין שטוב"...

דער איד האט מתחילה נישט געוואלט מסכים זיין, און ער האט זיך ארומגעדינגען מיטן רב, אבער דער רב האט אים שארף געזאגט "אויב ביסטו געקומען צו מיר וועסטו פאלגן מיין פסק", וכך הוה, מ'האט צוגעגעבן א נאמען, און מ'האט געטרונקען 'לחיים'. ווען דער איד איז אנגעקומען אהיים איז שוין נישט געווען קיין זכר פון דעם גאנצן ריח.

ה. מיין ידיד **מו"ה חיים אברהם וויזעל הי"ו** דערציילט אז זיין שווער איז אמאל אריין צום רבי'ן מרן השבט הלוי בעטן א ברכה צו געהאלפן ווערן מיט קינדער. דער רבי האט אים שיין אנגעוואונטשן, אבער ער איז נישט געווען אזוי צופרידן פון די ברכה, נישט שפירנדיג אז ער איז געהאלפן. האט אים דער רבי א זאג געגעבן "דו זעהסט דא דעם טיש, איך זעה דא א גאנצע טיש מיט קינדער". ער האט שפעטער געהאט צעהן קינדער בליעה"ר.

ווען ער האט א שידוך געטון האט ער געלאדענט דעם רבי'ן צום תנאים, בשעת'ן תנאים האט זיך דער רבי אנגערופן מיט גרויס שמחה "נו, די טיש וואס כ'האב דיר דעמאלטס געוויזן איז שוין מסתמא צו קליין פאר דיין משפחה".

ו. ווען **הגה"ק בעל חזון איש ז"ל** האט באזוכט ביי אים, האט ער געזאגט "איך שמעק דא א ריח פון קדושה".

ז. **כ"ק אדמו"ר רבי שמעונ'לע מלעלוב זצ"ל** פלעגט שיקן שווערע קוויטלעך צום שבט הלוי, זאגנדיג אז אין הימל רעכנט מען זיך מיט זיין פסק.

ח. עס איז געקומען א פרוי מיט א גרויסן פראבלעם, די דאקטורים האבן געטראפן ביי איר קינד עפעס א מחלה, וואס קען זייער שאטן אויך פאר די מאמע, און זיי האבן געוואלט אוועקנעמען דאס קינד. דער רב האט געהייסן ברענגען צו אים די 'עקסרעיס' און נאכן באטראכטן די עקסרעי האט דער רב געוויזן גענוי מיט די פינגער וועלכע אבר עס וועט ארבעטן און וועלכע נישט.

עס האט זיך גענוי אזוי ארויסגעשטעלט, דאס קינד איז ליידער אלע יארן אין א ראד-שטול, און ביז היינט ארבעט גענוי די אברים וואס דער רב האט אנגעוויזן אויפן 'עקסרעי'. זי האט ב"ה חתונה געהאט, און זי האט א פאסטן אין א אפיס פון א גרויסע מוסד מיט הצלחה.

ז' תמו) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' חיים בער אדלער שליט"א**

### מרגיש געווען די קדושה

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' חיים יעקב דייטש ע"ה מיט איבער 40 יאר צוריק, אז ער האט געהערט פון **כ"ק הגה"צ המפורסם רבי אברהם שלמה כ"ץ זלה"ה אב"ד ריסקעווע ורב דקהלתינו שיכון קרית יואל בני ברק מח"ס אורחות המשפטים** (יארצייט י"ג ניסן), אז בשנת תרצ"א איז **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** געפארן אויף אפרוה אין די בעדער, און אויפן וועג אהיים האט ער געדארפט פארן קיין דעעש צו א חנוכת הבית אין שטוב פון איינעם פון די חסידים.

עס איז געווארן שפעט צו מנחה האט מען זיך אפגעשטעלט אין א דארף ארום ניין קילאמעטער ווייט פון דעעש, און דער רבי איז דארט אריינגעפארן אין א אכסניא זיך אפרועהן און דאווענען מנחה. דער בעל אכסניא האט געגעבן פארן רבי'ן א עקסטערן צימער, דער רבי האט זיך דארט אוועק געזעצט און ער איז געווארן זייער פארטראכט דבוק ברעוניותיו א גאר לאנגע צייט. וואס איז געווען שטארק אויפמערקזאם פאר אלע באגלייטער. בפרט ווען עס איז געווארן שפעט צו מנחה, און מ'האט גארנישט געקענט טוהן צו מעורר זיין דעם רבי'ן אז מ'דארף זיך צואיילן מיטן דאווענען.

אינצווישן האט דער רבי געהייסן רופן דעם בעל אכסניא, און דער רבי האט מיט אים געשמועסט, ביז ער האט דערציילט אז ער האט דא אן אלטן טאטן, וואס איז שוין הונדערט מיט פינף יאר אלט. דער רבי איז געווארן זייער נתרגש, ער האט נאך קיינמאל נישט געזעהן קיין איד אין דעם טיפן עלטער, און ער האט אים געבעטן אז ער וויל רעדן מיט זיין טאטן.

דער רבי האט זיך טאקע געטראפן מיט דעם איד, און ער האט זיך מיט אים צושמועסט איבער זיינע זכרונות, ער איז געווען א איש פשוט, א אמת'ער דארפס-איד, דער איד האט דערציילט זכרונות פון אסאך יארן צוריק מימי נעוריו ווען ער איז געווען א אינגערמאן אין דעם זעלבן דארף און ער האט געוואוינט אין דעם הויז.

בתוך הדברים האט ער דערציילט אז דא איז אמאל איינגעשטאנען אסאך צדיקים, דער קארלסבורגער רב, דער מראה יחזקאל, דער איהעלער רב, רבי משה טייטלבוים... אויך איז דא אמאל געווען נאך איינער וואס מ'האט אים גערופן "ייטב, ייטב'... ער האט געמאכט עפעס א ספר 'ייטב', אויך מיר עפעס א רבי"...

די מקורבים צווישן זיך האבן באמערקט אז ווי נאר דער רבי האט געהערט אז דער זיידע דער ייטב לב איז דא געווען, האט זיך דער רבי ווי אויפגעוועקט און געדאווענט מנחה, און אוועק געפארן פון דארט, עס האט אויסגעזעהן באשיינפערליך ווי דער רבי האט מרגיש געווען אז עס איז דא א קדושה אין די דירה, און ווי נאר ער האט געהערט אז זיינע אבות הק' און אנדערע צדיקים זענען דא געווען האט ער פארשטאנען זיין העכערע הרגשה.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **845-783-0735**/Tellerkj@gmail.com